# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

## נאטיצן פון די נסיעה

• **לעגעשבעניע:** עסקני אבותינו זענען צוערשט געפארן קיין לעגעשבעניע צו פרובירן דורכזעצן א בוי-פראיעקט וואס ווערט שוין צוריקגעהאלטן א לענגערע זמן צוליב קעגנערשאפט מצד שכנים. בע"ה האט מען זיך פארבינדן מיט א עקספערט אדוואקאט וועלכער וועט פארהאנדלען מיט די שכנים. דורכגייענדיג די דעטאלן איז דא פאזיטיווע אויסזיכטן אנצוהויבן ווי פריער די עבוה"ק.

• **בילקאמין:** אינ'ם נעקסטן ביה"ח זענען עסקני אבותינו געוועזן פארנומען מברר צו זיין די פונקטליכע גבולות צו קענען בויען דעם גדר מיט די צושטימונג פון די שכנים. רוב פונ'ם גדר איז שוין ב"ה מבורר געווארן, און אין די נאנטע טעג וועט ערהאלטן ווערן א מאפע וואס וועט פולקאם פעסטשטעלן די גבולות. דער פראיעקט ווערט אנגעגרייט צום בויען אין די קומענדיגע טעג בע"ה.

• **דעלאטין:** צוליב פארהאנדלונגען מיט שכנים איז א קליין חלק פונ'ם גדר אין דעלאטין געבליבן אומפארענדיגט. די עסקנים האבן זיך פארבינדן פערזענליך מיט די שכנים, און אינאיינעם מיט'ן קאנטאקטאר אויסגעשטעלט א פשרה וויאזוי צו משלים זיין דער גדר צו אלעמענ'ס צופרידנהייט, בע"ה. תיקף דערנאך וועט מען ממשיך זיין אויפצושטעלן די 1,000 מצבות וועלכע זענען שרעקליך פארלאזט.

• **ראחוב:** צוליב די קאמפליצירטע ארבעט וואס פארלאנגט זיך אינ'ם ביה"ח, זענען עסקני אבותינו געפארן צוזאמען מיט פילע עקספערטן צו גרינטליך איבערגיין די פלענער פון די בוי-ארבעט. די מעלדונג אז די בוי-ארבעט פון פאזע 1 וועט זיך אנהייבן קומענדיגע וואך אי"ה איז אויפגענומען געווארן מיט א שטארקע התרגשות דורך די בני המשפחה.

• **שענדיוב:** אינטערווענצן זענען דורכגעפירט געווארן לטובת דער ביה"ח, וועלכער איז אין א שווערן צושטאנד צוליב וואס שכנים האבן באזעצט שטחים פונ'ם מקום קדוש. בע"ה האבן עסקני אבותינו געשאפן די נויטיגע פארבינדונגען וועלכע וועלן האפנטליך ברענגען די ערווארטע רעזולטאטן.

## ברוך הטוב והמטיב – מאגלניצא, פוילן!




בשורה טובה מביה"ח - מקום מנוחת קדשם
פונעם הייליגען **"שרף ממאגלינצא"**
ואביו הרה"ק **מ'גרעניץ** זצ"ל
הרה"ק **רבי יעקב ממאגלינצא** זי"ע
בהרה"ק ר"ר **"אלימלך מליזענסק"** זצוקל"ה,
הרבנית **פעריל** בת הרה"ק **"המגיד מקאזניץ"** זצוקל"ה
הרבנית **גיטל** בת הרה"ק ר' **אלעזר מליזענסק** זצ"ל, ועוד

מיט גרויס התרגשות איז אויפגענומען געווארן די נארוואס-ערהאלטענע בשורה אז די עבוה"ק איז אריין אין פילן שוואונג בע"ה. די קומענדיגע בולעטין וועט זיין מיוחד פארצושטעלן די פארצווייגטע אונטערנעמונג און ווייטערדיגע פאזעס צו דורכפירן די עבוה"ק.

# נסיעה לטובת הצלת קברי אבות

### עסקני אבותינו רייזן קיין אייראפע צו אינטערנעווירן לטובת הצלת קברי אבות




בילקאמין: קאנטאקטאר באטראכט גבולות לויט'ן מאפע




ראחוב: עסקנים שטודירן די פלענער פאר'ן תיקון הביה"ח




דעלאטין: קאנטאקטאר און עסקנים ביים גדר




שענדיוב: פארהאנדלונגען ביים ביה"ח

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave 2-B, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations:** London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha

נתפרסם לע"נ
דבורה רעכיל ב"ר
מרדכי יודא ע"ה

עס איז ערלויבט צו פארשפרייטן דעם בולעטין אינ'ם אריגינעלן פארמאט